# <u>פרשת תולדות כ"ה חשון - ה' כסלו תשפ"א לפ"ק</u>

***<u>יום ראשון פרשת תולדות</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פריעדמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אפרים צבי פריעדמאן** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** דומ"ץ ור"י דינוב (בן **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א**) להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בתו בשעטומ"צ.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הגרח"א:** מיין שווער (**הגה"צ רבי צבי הירש הורוויץ שליט"א האדמו"ר מסטריזוב, בן הגה"צ רבי חיים שלמה הורוויץ זצ"ל מסטריזוב**, בעמח"ס **דרכי נועם**) איז פון די שטאט שאמלויא, ער איז געבוירן אין שאמלויא.

**רבינו:** ווען איך בין געווען מנחם אבל זיין ביי אים, האט ער מיר געזאגט, אז ער געדענקט דעם **שאמלויא'ער רב**. ער געדענקט זיינע דרשות. זיי האבן זיך שפעטער אוועקגעצויגן פון שאמלויא.

**הגרח"א:** יא, אויף טעמעשוואר. דער **מנחת אלעזר** איז געווען אין שאמלויא אויף א שבת, אין יאר תרצ"ג[א], ווען מיין שווער איז געווען א פינף יעריג יונגעל. און מיין שווער האט געזאגט, אז ער האט געטראגען די פאפירן פון די דרשה.

**רבינו:** דער מנחת אלעזר האט זיך פארגעשריבן די דרשות?

**הגרח"א:** יא. - איך נעם פון דעם ארויס, אז אין שאמלויא איז נישט געווען קיין עירוב. עס קען שטימען?

**רבינו:** עס קען זיין אז פונקט דעמאלטס איז נישט געווען, עס האט זיך צוריסן. און אין די שטעטלעך האט מען נישט אלץ געקענט פאררעכטן. מען פלעגט דארפן אויסרופן שבת אז מען זאל נישט טראגען[ב].

**הגרח"א:** עס איז א פלא, א קליין שטעטל, פארוואס זאל נישט זיין. - איך מיין אז רבי חיים שלמה שרייבט אין א תשובה (בספרו **דרכי נועם**, מדור השו"ת סימן ח') אז זיין זון האט געטראגען. איך האב עס געהערט פון מיין שווער עטליכע מאל, אבער איך דערמאן זיך יעצט אז עס שטייט דארט. איך געדענק נישט פארוואס ער ברענגט עס דארט ארויס, ער שרייבט וועגן דעם[ג].

רבי חיים שלמה פלעגט פארציילען, אז די ה' מלך האט אים געראטעוועט דאס לעבן. ער איז געווען אנגעטראגען אין א שטאט אויף א רבנות, און ער האט געפירט דארט א שבת, זעהט אויס אז ער האט אויסגענומען ביי די דרשה. און ביי שלש סעודות האט ער געפירט א צאנזער שלש סעודות, און ער האט געזאגט ה' מלך. און עס איז געווען דארט

---

[א] בהקדמת **דרשות לחם שלמה** (אות כ"ב) כתוב שזה היתה בשב"ק פרשת מטות מסעי תרצ"ג.

[ב] ראה בספר **אגרות לחם שלמה** (מכתב ע"ט) שכותב במכתבו **להגה"צ ריא"ז מרגליות זצ"ל** בשנת תרצ"ב בזה הלשון: עלתה בידינו בעז"ה לתקן עירוב פה בקהלתינו בהוצאה רבה ובקישוי מאוד. ועלה ברעיוני כי הכוונה בעירוב כתב **האריז"ל** שהוא להמתיק הדין ע"ב ריו"ו, והנה אמרו חז"ל יעקב אבינו תיקן עירוב, ויחן את פני העיר, ועל כן 'ויחן' מספרו תשכ"ד, י"ג מילואי הוי"ה ב"ה, שהמה י"ג מידות של רחמים, כמבואר בספה"ק **בני יששכר** (ריש הספר באות ג'), ועם העירוב נשפע מי"ג מידות של רחמים עכל"ק. **ובדרשות לחם שלמה** (דרוש ע') לשמחת תורה שנת תרצ"ב כתוב: וכן יתאמץ כל אחד ואחד במסירות נפש שלא יפריעו את העירוב שעשינו ב"ה על צד היותר טוב, והארכתי בביאור הטובה הרבה של העירוב, וכוונתו לעשות מרשות הרבים רשות היחיד, דרשות הרבים הוא מעלמא דפירודא הסט"א, ורשות היחיד הוא רשות הבורא עולם סטרא דקדושה כמבואר בספרים הק', וכשעושין עירוב נעשה מרשות הרבים רשות היחיד ונתהפך מדין לרחמים, משם אלקים להוי"ה ב"ה, ונמתק הדין לרחמים. וזכות זה יעמוד לנו להשמר מכל יגון וצרה, ויתרומם קרנינו בפרנסה טובה, ונזכה להוושע בדבר ישועה ורחמים.

[ג] וזה לשונו שם: וכה ראינו נוהגין אבותינו ורבותינו נ"ע, וכן נהג אבא מארי זצ"ל, ומורי זקני הרב זצ"ל, וכן מרן זצ"ל ש"ב **בעל מנחת אלעזר** האב"ד ור"מ ממונקאטש יצ"ו, כאשר היה איזה צורך שנתקלקל העירוב, או שהיה משובתי שבת לפעמים במקום שלא היה עירוב, וגם פעם אחת בסוף ימיו בהיותו על השבת בעיר שאמלויא יצ"ו (שאין שם עירוב), לקח את בני הילד שיחי' שהיה אז כבר חמש, ובקשוני לצוות לו לשאת את הסידור שלו לבית הכנסת. וידועים דרכיו שהוא ז"ל לא היה חס על שום טרחה בעול מצות, ובזה לא היה מצווה לקרוא לנכרי שישא משא הסידורים אל בית הכנסת, רק לכתחלה עשה על ידי ילד ישראלי, שמע מינה דרצה להורות הלכה, שאפילו אביו בעצמו מותר לשלחו בעודו קטן שלא הגיע לחינוך לשאת לו חפץ לבית המדרש לצורך מצוה ותפלה.

אסאך וויזניצע חסידים, און ביי זיי זאגט מען נישט קיין ה' מלך. האט זיך דער ראש הקהל אנגערופן, אז דער ה' מלך רבי' קען מען נישט דא האבן. אונז גיי מיר נישט דא האבן א ה' מלך רבי'. האט ער פארלוירן דארט דאס רבנות, און ער האט זיך געמוזט ציען קיין טעמעשוואר. אין טעמעשוואר האט מען איבערגעלעבט די קריג. האט ער געזאגט, ווען ער וואלט געבליבן דארט צו זיין רב, וואלט ער נעבעך... און דער ה' מלך האט אים געראטעוועט.

**רבינו:** אין בעלזא זאגט מען אויך נישט קיין ה' מלך.

**הגרח"א:** אין דינוב אויך נישט. מיין שווער זאגט, אז ער איז אמאל געזעצן נעבן דעם **וויזניצער רבי', רבי מאטעלע**, און עס איז אים איז אויסגעקומען צו רעדן דערוועגן. האט אים רבי מאטעלע געזאגט, אז ער זאגט ה' מלך שטילערהייט אלץ דזיקוב.

**רבינו:** זיצענדיגערהייט.

**הגרח"א:** מען זאגט דאך נאר נמליכו וניחדו, עס שטייט דאך נישט אז מען שטעלט זיך אויף.

**רבינו:** אין סיגוט גיט מען נאך צו שמע ישראל אויך. מען זאגט נאך, אז עס איז אמאל געווען א חסידישער בעל תפלה, און ער האט געדאווענט נוסח ספרד, מלך יחיד א-ל חי העולמים. און ביי די אשכנזים זאגט מען נישט 'יחיד', האט דער ראש הקהל געגעבן א קלאפ אויפן טיש, נישט מלך יחיד...

**הגרח"א:** דער **סקאליע רבי** [פון אכצענטע עוועניו] זאגט, אז ביי זיי איז דאך דא א חסידישער דור, חסידישע קינדער, האט ער געזאגט, אז דאס וואס מיר זענען חסידיש, איז צו פארדאנקען דעם **מנחת אלעזר**. האט ער געזאגט, אז דער מנחת אלעזר איז אנגעקומען צו א שטאט, זעהט אויס אז ער איז געפארן אויף א ברית אין א שטעטל, און זיין זיידע איז געווען דער ראש הקהל. עס איז געווען א אשכנזישער שטאט, ווי מען האט געדאווענט אשכנז, און עס זענען דארט אונטערגעוואקסען חסידישע יונגעלייט, האבן זיי געוואלט טוישן פון אשכנז אויף ספרד. און זיי האבן געוואוסט אז דער מנחת אלעזר איז דארט, האט מען געמאכט אזא שטיקל אסיפה, און דער מנחת אלעזר האט ארויסגעברענגט, ער שרייבט דאך א תשובה אין **מנחת אלעזר** (ח"א סימן י"א), וועגן טוישן פון אשכנז אויף ספרד. האט זיך זיין זיידע אנגערופן, איך ווייס נישט. מיין זיידע האט געדאווענט אשכנז, מיין טאטע האט געדאווענט אשכנז, פארוואס דארף איך טוישן? און ער האט עס געזאגט אזוי ווי די פארצייטישע ערליכע יודען. קוקט אים דער מנחת אלעזר אזוי אן, און ער רופט זיך אן, איך ווייס נישט, אבער אז איר רעדט אזוי, דו וועסט שוין האבן אייניקלעך חסידים. האט ער געזאגט, אז דאס וואס זיי זענען אזוי, איז צוליב דעם מנחת אלעזר.

**רבינו:** ער האט שוין געהאט אייניקלעך רבי'ס, נישט נאר חסידים...

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה.

**ונפרדו לשלום**

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף ח') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון שידוכים, אברהם האט געשיקט אליעזר ער זאל זוכן א שידוך פאר יצחק. הייבט אן די תורה (בראשית כד-א), ואברהם זקן בא בימים, וה' ברך את אברהם בכל, דער אייבערשטער האט געבענטשט אברהם מיט אלעם. און ער האט גערופן עבדו זקן ביתו, ער זאל אים גיין זוכן א שידוך. פארוואס איז די תורה מקדים וה' ברך את אברהם בכל, עס איז נישט קיין נפקא מינה צו די קומענדיגע פרשה. רש"י זאגט, וה' ברך את אברהם בכל, 'בכל' איז בגימטריא 'בן', ער האט אים געבענטשט מיט א זון, האט ער געדארפט א שידוך פאר אים, האט עס א שייכות איינס מיט דאס אנדערע.

**אברהם** האט געזאגט (כד-ג), ער זאל נישט נעמען פון די בנות הכנעני 'אשר אנכי יושב בקרבו', וואס איך וואוין צווישן זיי. פארוואס האט ער געדארפט צוגעבן, אשר אנכי יושב בקרבו, איך וואוין צווישן זיי. מען ווייסט נישט וואו אברהם האט געוואוינט? ער האט געוואוינט אין כנען. ער וואלט געדארפט זאגן, נעם נישט פון די בנות הכנעני, פארוואס האט ער געזאגט, אשר אנכי יושב בקרבו? רש"י (כד-לט) ברענגט צו, אז אליעזר האט אויך געהאט א טאכטער, און אליעזר האט געזוכט א וועג ער זאל

זיך קענען משדך זיין מיט אברהם אבינו. און אברהם אבינו האט אים געזאגט, בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מתדבק בברוך. מיין זון איז געבענטשט, און דו ביסט פארשאלטן. מיין זון איז ברוך, ווייל ער שטאמט פון שם, און שם'ס קינדער זענען געווען געבענטשט. אליעזר האט געשטאמט פון כנען, די כנענים זענען געשאלטן, אין ארור מתדבק בברוך, עס גייט נישט צוזאמען.

**עס** איז דא א דיוק אין רש"י. רש"י זאגט ער האט אים געזאגט, מיין זון איז געבענטשט, און דו ביסט געשאלטן. ער וואלט געדארפט רעדן פון זיין טאכטער, דער שידוך איז דאך יצחק מיט אליעזר'ס טאכטער. וואלט ער געדארפט זאגן, יצחק איז געבענטשט, און דיין טאכטער איז געשאלטן. פארוואס זאגט ער, אתה ארור, דו ביסט געשאלטן.

**זעהט** אויס, מעגליך, אז די קללה פון כנען איז געווען נאר אויף די מענער, און נישט אויף די נשים. נח האט דאך גערעדט צו א זון, ארור כנען, עבד עבדים יהיה לאחיו (ט-כה), ער האט נישט געזאגט אז די טעכטער זאלן זיין שפחות פאר אנדערע. קומט אויס, אז אויף די טאכטער אליין איז באמת נישט געווען קיין ארור. אברהם אבינו האט אבער געזאגט, מיט א טאטן א ארור קען איך זיך אויך נישט משדך זיין. אפילו אתה ארור, דו ביסט נאר ארור, איז עס אויך נישט קיין שידוך. אמאל דארף מען קוקן אויפן קרן, און אויסער דעם קרן דארף מען אויך קוקן אויף דעם מחותן. און אז דו ביסט א ארור, קען איך זיך נישט משדך זיין מיט דיר.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר ס-ז), אז ווען אליעזר איז געווען ביי לבן, ער האט אים געטראפן על עין המים, האט ער אים געזאגט, בא ברוך ה' (כד-לא), קום אריין דו ברוך ה', וואס דו ביסט געבענטשט פונעם אייבערשטן. איז דא א דיעה אין מדרש, אז אזוי ווי אליעזר האט געטריי באדינט אברהם אבינו, ער האט אויסגעפירט זיין שליחות, וואס עס איז געווען א מסירת נפש פאר אים, איז יצא מכלל ארור, איז ער ארויס פון כלל ארור, ובא לכלל ברוך, און ער איז אריינגעגאנגען אין כלל פון ברוך.

**קומט** דאך אויס, אז אליעזר פאר ער האט נאך אריינגעטרעטן צו בתואל אין שטוב, איז ער שוין מער נישט געווען קיין ארור, ער איז געווען א ברוך. נו פארוואס האט ער זיך נישט דעמאלטס אויסגעדרייט און צוריק אהיימגעפארן טון א שידוך מיט אברהם אבינו. אברהם אבינו האט דאך געזאגט אז אלעס איז גוט, נאר דו ביסט א ארור, און איך קען זיך מיט דיר נישט משדך זיין. אז ער איז געווארן אויס ארור, ער איז אריינגעקומען לכלל ברוך, וואלט ער זיך געדארפט אויפהייבן און אהיימגיין.

**אברהם** אבינו האט אבער מרגיש געווען אז עס גייט אזוי געשעהן, אז ער גייט ווערן א ברוך, און ער וועט וועלן אהיימקומען, האט אים אברהם אבינו באשווארן, אז דו זאלסט נישט נעמען פאר מיר קיין אשה מבנות הכנעני, נאר אל ארצי ואל מולדתי תלך, קומט אויס, אז ער האט שוין נישט געהאט קיין ברירה יעצט ער זאל אהיימגיין, ער האט דאך שוין געגעבן א שבועה אז ער גייט אים ברענגען א שידוך פון זיין משפחה. קומט אויס, אפילו ער איז געווארן א ברוך, האט ער שוין נישט געהאט קיין ברירה ער זאל קענען אהיימגיין.

**און** פארוואס טאקע האט אים אברהם אבינו באשווארן. איז א סימן, אז נישט נאר דער מחותן טאר נישט זיין קיין ארור, נאר אפילו ווען דער מחותן'ס טאטע איז א ארור, איז דאס אויך נישט קיין שידוך פאר אברהם אבינו. דו קומסט פון א משפחת ארורים, דיין טאטע, דיין זיידע, דיין עלטער זיידע זענען געווען ארורים, איז אפילו דיין טאכטער איז נישט קיין ארור, און דו ביסט שוין יצא מכלל ארור, פון דעסטוועגן דאך איז עס נישט קיין שידוך פאר מיר.

**אברהם** אבינו האט געזאגט, דו זאלסט נישט נעמען פון די בנות הכנעני, וועסטו דאך מיינען אז די בנות הכנעני מיין איך צו זאגן, ווייל זיי זענען עובדי עבודה זרה, זיי זענען מושחתים, עס איז נישט קיין שידוך פאר מיר. אברהם אבינו האט געהאט את הנפש אשר עשו בחרן (בראשית יב-ה), ער האט ערצויגן טויזנטער מענטשן וואס זענען געווען אונטער די פליגל פון אברהם אבינו. ער האט געקענט טון א שידוך מיט איינע פון די וואס זענען ערצויגן געווארן ביי אים, אזוי ווי אליעזר. פון דעסטוועגן דאך האט ער געזאגט, ניין, אפילו פון די בנות הכנעני וואס דרייען זיך ביי מיר, ווייל איך אויך

נישט קיין שידוך. נישט ווייל זיי זענען נישט ערליך, נאר זיי קומען פון א משפחה פון ארורים, און פון א משפחה פון ארורים קען איך זיך נישט משדך זיין.

**האט** אברהם אבינו געזאגט, דו זאלסט נישט נעמען פון די בנות הכנעני, 'אשר אנכי יושב בקרבו', אפילו פון מיינע נאנטע וואס איך זיץ צוזאמען מיט זיי, זיי דרייען זיך ביי מיר אין שטוב, אבער וויבאלד עס איז בנות הכנעני, קען איך זיי נישט נעמען. דאס וואס ער האט אים באשוואוירן אל ארצי ואל מולדתי תלך, ווייל מיט כנען קען ער זיך נישט משדך זיין, זיי הייסן ארורים.

**איז** די תורה מקדים, וה' ברך את אברהם בכל, דער אייבערשטער האט געבענטשט אברהם, אז ער איז א ברוך. און נישט נאר ער איז א ברוך, נאר 'בכל', יצחק איז אויך ברוך. אז עס איז אין ארור מתדבק בברוך, איז געווארן אויסגעשלאסן גאנץ כנען אז ער קען נישט מיט זיי קיין שידוך טון. האט ער אים געדארפט שיקן אל ארצו ואל מולדתו.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל שמחת התנאים של בן ש"ב **הרה"ג רבי זיידא אייכענשטיין שליט"א** דומ"ץ בורשטין (בן כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א, וחתן אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בת **הרה"ג רבי מנחם מענדל הורוויץ שליט"א**, שהתקיימה באולם בית רחל.

*

***יום שני פרשת תולדות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יעקב צבי גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה דייטש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב** ב"ר **יהודה זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חנניה דוב קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** לביקור אצל מחותנו **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מוויזניץ:** איך האב נישט גערופן אנוואונטשן מזל טוב פאר די שידוך פונעם אייניקל (החתן **יוסף ראזנער** נ"י), איך האב געטראכט איך וועל קומען פערזענליך, פנים אל פנים, איז עס חשוב'ער. דער חתן איז זייער א וואוילער בחור, ער האט ביי מיר געגעסן אמאל.

**רבינו:** ילכו מחיל אל חיל, מען גייט דאך צו א שמחה.

**האדמו"ר מוויזניץ:** יא, מען גרייט זיך צו די חתונה אי"ה (של נכדו בן חתנו **הרה"ג רבי ברוך האגער שליט"א**), איך לאדען איין.

**רבינו:** אי"ה, מיטן אייבערשטענס הילף. עס איז נאך יומא קמא, טלטול הדרך. די וועלט זאגט, אז שמחות קאסט כח, און עס גיט כח.

**האדמו"ר מוויזניץ:** מיין שוואגער, דער **סקווירא רבי**, האט מיר געזאגט, אז דער **סקווירא רבי ז"ל** האט געזאגט, אז א שמחה גיט כח, און א שמחה נעמט כח. ווען עס גיט כח דארף מען זעהן אז עס זאל בלייבן עפעס רעשט פון דעם כח.

דער **אהבת שלום** זאגט, עזי וזמרת י-ה ויהי לי לישועה (שמות טו-ב), א מענטש אז עס גייט אים אלעס גלאטיג, - איך געדענק אמאל ביים טאטן, אז עס איז אריינגעקומען א יונגערמאן, ער האט געהאט א קינד צו די ניין חדשים. ווען ער איז ארויסגעגאנגען דרייט זיך דער טאטע אויס צו מיר, און ער זאגט מיר, ווי אזוי וועט דער יונגערמאן וויסן צו דאנקען דעם אייבערשטען? עס גייט אים אלעס גלאטיג. - זאגט דער אהבת שלום, 'עוז' איז דאך דין, תוקף ותשבחתי זאגט דער תרגום, תוקף הדינים. 'וזמרת י-ה', און דער אייבערשטער פארשניידט עס, 'ויהי לי לישועה', פילט מען די ישועה.

**רבינו:** אין די ראשונים שטייט, אז א טובה פילט מען נאר בהעדר. ווען עס פעלט קודם, און נאכדעם באקומט מען עס.

**האדמו"ר מוויזניץ:** מן המיצר קראתי י-ה, ענני במרחב י-ה (תהלים קיח-ה), פונעם מיצר זעהט מען דעם מרחב.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** אין די תורה זעהט מען עס אויך ביי א שידוך, לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), קודם דארף זיין אז מען זאל אנערקענען אז עס איז לא

טוב היות האדם לבדו, און נאכדעם קען זיין אעשה לו עזר כנגדו.

**רבינו:** ביי רעגן איז אויך די זעלבע. עס איז נישט געקומען קיין רעגן, ביז אדם הראשון האט נישט מכיר געווען בטובתו, און ער האט מתפלל געווען דערויף (רש"י שם ב-ה). - זיווגו של אדם איז כקריעת ים סוף, ביי קריעת ים סוף איז קודם געווען ויצעקו, און נאכדעם האט דער אייבערשטער געהאלפן. - ערליכע יודען דאנקן דאך אייביג דעם אייבערשטען, זיי דארפן עס נישט אדורכגיין.

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער **כתב סופר** (פרשת ויצא) זאגט אויפן פסוק (בראשית כט-לה) הפעם אודה את ה', אז די גמרא (שבת קיח:) זאגט, כל הקורא הלל בכל יום, הרי זה מחרף ומגדף. זאגט ער, ווען זאגט מען הלל? יום טוב אדער ראש חודש, אדער ווען איינער האט געהאט א נס, ארבעה צריכין להודות, חולה שנתרפא, יוצא מבית האסורים. יעדן טאג ווען מען זאגט הללוי-ה, איז עס געווארן אזא געוואוינהייט. עס שטייט אין **רמב"ן** (סוף פרשת בא), אז ווער עס גלייבט נישט אין נסים נסתרים, אין לו חלק בתורת משה רבינו. זאגט ער, 'כל הקורא הלל', ער ליינט דעם הלל, 'בכל יום', אזוי ווי א טאג טעגליכע זאך, ער פילט נישט די נסי ה', 'הרי זה מחרף ומגדף', ווייל אז ער פילט נישט אז אלעס איז נסי ה', אז עס איז דא נסים נסתרים, איז ער א מחרף ומגדף.

**רבינו:** ימלא פי תהלתך.

**האדמו"ר מוויזניץ:** איינער איז אמאל געקומען צום **חפץ חיים**, זאגט אים דער חפץ חיים, שלום עליכם, וואס טוסטו? ענטפערט ער, ב"ה, איך האב קינדער, און אייניקלעך. פרעגט ער אים ווייטער, וואס טוסטו? האט ער נישט פארשטאנען וואס ער וויל, זאגט ער, איך האב פרנסה, איך טו דאס און דאס. פרעגט ער ווייטער, וואס טוסטו. זאגט ער, רבי וואס מיינט איר. זאגט אים דער חפץ חיים, ביז יעצט האסטו געזאגט וואס דער באשעפער טוט, ער האט דיר געגעבן קינדער, ער האט דיר געגעבן פרנסה, וואס טוסט 'דו'. - האט ער געהאט שכל, האט ער געפרעגט, ווי אזוי דארף איך צו רעדן? האט ער געזאגט, דו שטיי אינדערזייט, און קוק צו אלעס, און דאנק. הער נישט אויף צו דאנקען, נאכאמאל דאנקען, און נאכאמאל דאנקען.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מוויזניץ:** לחיים מחותן, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם אייניקל, און אי"ה ביי אלע זאל זיין שמחות, עס זאל זיין ילכו מחיל אל חיל.

**רבינו:** מען איז דאך געקומען אויף א שמחה, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז די שמחה זאל ברענגען נאך שמחות. די שמחה זאל אדורכגיין בשלימות, אן קיין שום מכשולות, מיט פרייליכע הערצער אי"ה. היינט דארף מען אויף דעם א עקסטערע תפלה, אז די שמחה זאל אריבערגיין בשלימות.

**האדמו"ר מוויזניץ:** וישישו בשמחה.

**וליווהו רבינו שליט"א בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת תולדות</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** למשרדי '**יחדיו**' (ארגון לצמצום הוצאות החתונות), וקבע מזוזה. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו להנהלת הארגון, שיזכו לברכה והצלחה במעשי ידיהם לרווחת הציבור.

אחר מעריב **הגיע כ"ק האדמו"ר מדעעש ב"פ שליט"א** להזמין את **רבינו שליט"א** לנישואי נכדו בשעטומ"צ.

*

***<u>יום רביעי פרשת תולדות</u>***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אברהם דייטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קראלי.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החתונה בבית מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, בנישואי נכדו בן לחתנו **הרה"ג רבי ברוך האגער שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסערט וויזניץ שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יחיאל מיכל גאלדמאן שליט"א** אב"ד זוועהיל מאנסי, שהתקיים באולם אטריום. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים שליט"א, ובריקוד מיוחד עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***__יום חמישי פרשת תולדות__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

***__ערב שבת קודש פרשת תולדות__***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **יהודא באדאנסקי שליט"א**. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***__שבת קודש פרשת תולדות__***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרב **יואל יוסף טייטלבוים** שליט"א.

בקריאת התורה התקיימה שמחת עליה לתורה של בן הר"ר **אלי' שלמה קרעמער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות בבית מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, שנערך ע"י קהלת וויזניץ בארה"ב, באולם כתר ריזל.